STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05820

TSVAYGN-TSITER

Asia

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַסיאַ / צווײַגן־ציטער

מײַן מאַמען

אַ ס י אַ

צוויי־ציטער

פאַרלאַג „ה מ נ ו ר ה" תל־אביב
תשל"ב — 1972

A S I A / CWAIGN-CITER
"Hamenora" Publishing House, 24 Zangwill St., Tel-Aviv

אַסיאַ / צווײַגן־ציטער (רעד ענפים)
הוצאת „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב

©
Printed in Israel 1972 — נדפס בישראל תשל"ב

דפוס „אורלי", תל־אביב

יעקב גלאַטשטיין

די דיכטערין אַסיאַ

אין נאָר וואָס דערשינענעם מײַ־נומער „סביבה‟, וואָס ווערט רעדאַגירט פון קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, געפינען מיר צוויי לידער פון אַ דיכטערין, וואָס באַשײַנט אירע זעלטן פאַרעפנטלעכטע לידער מיטן איינציקן מוזיקאַלישן נאָמען — אַסיאַ. אין די דאָזיקע צוויי וואַרעמע און אינטים לירישע לידער זענען פאַראַן שורות פון די בעסטע, וואָס ווערן געשריבן בײַם הײַנטיקן טאָג אין דער ייִדישער פּאָעזיע. נאָך איידער מען באַנעמט דאָס גאַנצע ליד, נאָך איידער מען שטעלט צוזאַמען דעם זין, אָדער די שייכות פון שורות מיט שורות, ווערט מען גלײַך פאַרוווּנדערט פון די אויפגעלויכטענע ביל־דער. מען וואָלט געקאָנט זיך באַגנוגענען און זאָגן, אַז זיי זענען אָריגינעל און דערפינדעריש, אָדער זיי זענען אפשר גאָר אינספּירירטע אײַנפאַלן, וואָס בליצן אויף און פאַרהאַלטן דעם לייענער. מען שטעלט זיך אָפּ און מען וויל כאַפּן, פון וואַנען זענען די אָריגינעלע בילדער אָנגעפלויגן און ווו און ווי אַזוי זענען זיי געבוירן געוואָרן.

די פולע לידער אירע — כ׳רעד ניט בלויז וועגן אירע נײַע לידער אין דער „סביבה‟, נאָר וועגן דער קלײנער צאָל לידער אירע, וואָס כ׳האָב געלייענט אין „די גאָלדענע קייט‟ און אין מאַנוסקריפּט, — זענען אַלע בכיוונדיק אַרומגעהילט מיט אַ מאַטקייט, כּדי זיי זאָלן ניט ווערן צו ביאָגראַפיש־דורכזיכטיק, אָבער די באַזונדערע שורות באַפרידיקן, ווי זיי וואָלטן געוועז פאַר זיך אַליין קורצע און פאַרענ־דיקטע לידער, באַזונדערע דיכטערישע איבערראַשונגען. די גאַנצע

לידער גופא לאָזן איבער אַ ווידערקול, אַן ווערטער, בלויז אַן אַוועקפּלאַטער פון געזאַנגיקע רייד.

אַט זענען שורות פון אַסיאַס נײַעסטע לידער:

אין זכות פון אַמאָליקע זינד
לאָז מיר אַריבער דעם וועג.

— — —

דער ווינט מאַכט קאַלטן סך־הכּל
מיט נאָכבלײַב פון נעכטיקע טעג.

— — —

נעם מיט מיך אַ שעה אין דײַן וועג
איידער דו ליכטיקסט אַוועק
און לאָזסט מיך אין שאָטן.

— — —

און נעם מיך אַ רגע אויף קעסט
אַרײַן אין דײַן זומער.

כ'האָב פריִער גערעדט וועגן דער איבערראַשונג פון אַסיאַס שורות. זי פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן חוש דערפאַר, וואָס ס'שטעקט מסתמא אין איר פעיִקייט צו שאַפן אומגעריכטע „שידוכים" צווישן ווערטער. קיינער דערוואַרט ניט, אַז ווען מען הייבט אָן אַ שורה מיט ווינט, זאָל ער פּלוצעם מאַכן — „קאַלטן סך־הכּל". און מיט וואָס? מיט נאָכבלײַב, און פון וואָס? פון אַזאַ פאַלקסטימלעכקייט ווי נעכטיקע טעג, וואָס ווערן אַ לירישער נאָכטראַכט. קעסט איז גאַראַנטירט אויף אַ ביסל געזיכערטער צײַט, אָבער אַסיאַ איבערראַשט מיט אַזאַ קנאַפּער פאַדערונג, ווי אַ „רגע אויף קעסט", און איידער מען האָט צײַט צו טראַכטן וועגן דער דאָזיקער ווײַבלעכער געגנוווגג פון אַזאַ כּזית ווי „אַ רגע אויף קעסט", קומט ערשט די איבערראַשונג פון „אין דײַן זומער". „און נעם מיך אַ רגע אויף קעסט אַרײַן אין דײַן זומער" איז דער פינאַל פון ליד, וואָס לאָזט איבער דעם עכאָ, וואָס אַסיאַס ליד לאָזט געווײנלעך איבער אין אירע באַוווסטזיניק פאַרהויכטע לידער.

דאָס צווייטע ליד אין „סביבה" קומט אויך אַנטקעגן מיט שורות־

איבערראַשונגען און מיט אַ צווייטער מעלה פון אַסיאַס אָריגינעל געזעענע נאַטורבילדער און בילדלעכע ווערטער.

מיט שנעלצוג־שעהען בין איך אָנגעקומען,
פון רוימען אָפּגעבלומטע, אָקערשט אָפּגעזונטע,

— — —

אַ געוואַנט רינט אויס מיט רויטע פאַרבן,
דער מערב־אַקוואַרעל געטראָפן פונעם רעגן,
ווי פייגל פליִען בלעטער שטאַרבן,

— — —

צונויפגעזאַמלט אין אַ תּפילה נאַנעס שוויַיגן,
נאָטן ניט־פאַרשריבענע די צווייַגן.

מיטן פריִערדיקן שליסל צו די דאָזיקע איבערראַשנדיקע בילדער און אומגעריכטע ווערטער־צוזאַמענשטעלן· קאָן מען אויך צוגיין צום צווייטן ליד; און ביז מען דערגייט צו דער לעצטער שורה „נאָטן ניט־פאַרשריבענע די צווייַגן", טרעפט מען אָן אויפן וועג געננוג שורות אויף זיך איַינצוהערן און אָפּשטעלן, ביז מען דערהערט דעם עכאָ פון אַוועקגעסודעטע ווערטער.

ווער איז אַסיאַ ? אַסיאַ אַליין איז פונקט אַזאַ איבערראַשונג, ווי אירע שורות. זי איז אַ יונגע דיכטעריץ, וואָס וווינט אין מדינת ישראל און שרייַבט ייִדישע לידער. אין ייִדישן לאַנד לעבן איצטער די דריַי ייִנגסטע ייִדישע פּאָעטעסעס : רבקה באַסמאַן, רחל פישמאַן און צווישן זיי, אין יונגע יאָרן, אין די העכערע דריַיסיקער, איז — אַסיאַ. אַסיאַ איז די איינציקע פון די דריַי ייִדישע פרויען־פּאָעטן אין ישראל וואָס האָט נאָך ביז איצטער ניט אַרויסגעגעבן קיין בוך לידער, כאָטש זי האָט אַ פאַרמעגן פון לידער און נאָך מער איז איר פאַרלוירן געוואָרן אויף איר נע ונד אין רוסלאַנד, ווו זי האָט זיך געראַטעוועט, אַן אַכט־יעריק מיידעלע, אין איר אַנטלויף פון ווילנע, איר געבוירן־שטאָט.

אין רוסלאַנד האָט אַסיאַ געשריבן רוסישע און ייִדישע לידער. ווען זי איז אין 1946 רעפּאַטרייִרט געוואָרן, איז אַסיאַ געוואָרן אַ

מדריכה אין אַ קינדערהיים, ווו זי האָט געשאַפֿן איר אייגענע קינדער־ליטעראַטור פֿאַרן באַלדיקן געברויך — קינדערלידער און קינדער־פּיעסן.

דורך די דריי־פּיר יאָר, וואָס זי האָט פֿאַרבראַכט אין פּוילן, איז זי אַ סך מאָל אויפֿגעטראָטן מיט דעקלאַמאַציעס און פֿאָרלעזונגען פֿון אירע אייגענע לידער. זי האָט געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון ווילנער פּאָעט אלחנן וואָגלער, וואָס איז ניט לאַנג צוריק אַוועק־געריסן געוואָרן, פֿון פּאָעט דוד ספֿאַרד און אַנדערע. ווען זי איז אַלט געווען זעכצן יאָר האָט זי, פֿאַר אַ גרויסן עולם, ביי אַ יזכּור־פֿאַרזאַמלונג פֿאָרגעלייענט אירס אַ קדיש־ליד וואָס איז כּדאַי דאָ צו ברענגען אין גאַנצן:

דער הימל האָט היינט קדיש געזאָגט,
די ערד אין תּכריכים געלעגן איז שטום,
ס'האָט זיך אין טרויער געהילט היינט דער טאָג
און קברדיק שטיל איז געווען דער אַרום.
אַפֿילו דער ווינט איז היינט שטיל אויף דער וואַך,
געשטאָרבן היינט איז די ערד,
נאָר קיינער האָט זי ניט צו קבֿורה געבראַכט,
קיין הספּד געמאַכט האָט די וועלט.
און כאָטש געווען איז קברדיק שווער,
האָט קיינער דעם צער ניט באַקלאָגט,
פֿאַרגליווערט געוואָרן אין איין טרער.
דער הימל אַליין נאָר האָט קדיש געזאָגט.

מ'קאָן זיך פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַ רושם אַזאַ ליד האָט דעמאָלט געמוזט מאַכן, ווען די רעפּאַטריירטע דיכטערין, וואָס איז קוים אַלט געווען זעכצן יאָר, האָט אים אַליין פֿאָרגעלייענט פֿאַר אַ גרויסן עולם פֿון פּוילישע ייִדן. [sic]

די דאָזיקע קורצע ביאָגראַפֿיע איז אפֿשר נייטיק ווי אַן אויפֿ־קלערונג פֿאַר די איבערראַשנדיקע לידער, וואָס די דיכטערין שרייבט, ווייל זיי קומען פֿון דער גרעסטער איבערראַשונג, פֿון אַן אומגעוויינ־

לעכער ביאָגראַפיע; פון אַ קינד, וואָס האָט אָנגעהויבן שרײַבן יִידישע לידער, ווען זי איז אַלט געווען אַכט יאָר, און וואָס האָט אירע לידער אַריבערגעטראָגן קיין מדינת ישראל, דורך דעם אוראַל, קוילן־שאַכטעס, דורך פּוילן, און איצטער, אויף אַ קורצן באַזוך, געבראַכט זיי דירעקט צו אונדז, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווו קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט זי שטאַרק מקרב געווען.

ס'איז אויך נאַטירלעך, אַז ווען אַ זעכצן־יעריק מיידל שרײַבט אַזאַ ליד ווי קדיש, האָט זי פּאַקטיש אָנגעהויבן — מיטן סוף, און זי האָט דערפֿאַר געמוזט זוכן איר אָנהייב. די לידער אין אָקטאָבער־נומער „סביבה", פון 1968, זענען געצייכנט מיטן יאָר 1963, און דאָס ערשטע פון די צוויי לידער הייבט זיך גלײַך אָן מיט דער זעלבי־קער בליציקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אָריגינעלער לירישער דיכטערין —

כ'פאַל אַרויס פון דעם שטיינערנעם שייד,
כ'פאַל אַרײַן אין דײַן זילבערנעם שטראָם.

אַסיאַ איז זייער מוזיקאַליש און זי האָט אַ גוט אויער פאַר דעם אויפּפריש פון ווערטער. דאָס צווייטע ליד אין זעלביקן אָקטאָבער־נומער „סביבה" זאָגט זיך זייער גוט, ווי אירע אַלע שורות, נאָך איידער מען באַנעמט דאָס גאַנצע ליד:

כ'האָב מיט בענקשאַפט געמאָסטן די צײַט
און מיט נאָנטקייט געמאָסטן די ווײַט.
איז שוין צײַט דו זאָלסט קומען צו גיין
פון דער ווײַט מיט דער נאָנטקייט אַליין.

באַלד די ערשטע פיר שורות זענען אַן אינטערעסאַנטער און אייגנאַרטיקער ווענד צום נאָענטן, מיט אַן אָריגינעלן פּאָעטיש־מאַטע־מאַטישן אָנווייַז, אַז ער דאַרף זיך אומטראַכלען און קומען. אין זעלביקן ליד לייענען מיר אַזעלכע שורות, ווי: „דער ווינט האָט אים געבלעטערט די טעג", און אַזעלכע פרישע שורות, ווי:

אַט זומערט באַלד אַן אַ חמסין,
ווען אין שאָטן פון גרינעם געשפּין
אַ פויגל אַרײַנפאַלן מיד
און באַנעסטן זײַן ליד.

אַסיאַ נעמט אויף די נאַטור מיט די אויגן פון אַ גוטער זעערין, און בײַ איר ווערט דאָס געזעענע גלײַך געפאַנגען אין אַ מוזיקאַלישער ליכטיקייט. זי באַגייט זיך בכלל מיט אַלץ וואָס זי זעט אויף אַן אייגענעם שטייגער. זי וועבט דורך אירע שורות מיט אַ צוריקגע־האַלטענער, אָנרעגנדיקער וואַרעמער און ניט־אויפרעגנדיקער עראָטיק:

דורך די אָנגעטאָנענע גאַסן
איז זי געלאָפן נאַקעט,
האָט זיך אָנגעצויגן ווי אַ פײַל די גאַס
און איר מאַרמאָר־ווײַסער קערפּער
האָט די לופט אַדורכגעפּלאַקערט,
אָנגעכאַפּט די גאַס מיט משוגעת.

דאָס איז אַ פּריַערדיק ליד פון אַסיאַס אָנגעזאַמלטער לידער־עשירות. אין דעם ליד איז בלויז איבעריק אַזאַ שורה, ווי אַ מאַרמאָר־ווײַסער קערפּער, אָבער די אַנדערע שורות זענען באמת „אַדורכגע־פּלאַקערט" מיט אינדיווידועלע בילדער און אַ סך צוזאָג אויף דעם ווײַטער וועג פון אַסיאַס לירישער און שטאַרק אינטריגירנדיקער ביאָגראַפיע.

„דער טאָג־מאָרגן זשורנאַל"
25סטן מיי 1969.

אַ צאָפּ נאָכן שניט

אויף די קנאַפּל פֿון די שיך

ווען קריכנדיק פֿון הויט
מען ציט אַרויף אויף גיך
אַ נײַע הויט
און מען הייבט זיך אויף
אַ ביסל איבער זיך
אויף די קנאַפּל פֿון די שיך,
זעט דען ווער
ווער מען עס קוועטשן די פּאַנטאָפֿל?
זײַן סינדערעלאַ האָט דער פּרינץ
לאַנג שוין אָפּגעפֿונען.
די ווידער־בלומען
די גוט פֿאַרקויפֿטע,
די מאַסע פֿאַרבן,
ווי, זיי האַלטן ניט אויס
דעם אָנגריף ליכט.

1970

דער נעכטן

דער נעכטן — אַ צאָפּ נאָכן שניט
אין שראַנק פון זכרונות פאַרלייגט.
איך ווייס און איך היט מײַנע טריט,
דער כּוח פון אומעט איז גרויס —
איך קאָן נאָך פון שפּיגל אַרויס,
פון שפּיגל ווו כ׳שפּיגל מיך הײַנט
צום שראַנק, און אַ כאַפּ טאָן דעם צאָפּ,
אַ רגע אַרומדרייען דעם קאָפּ
און דערזען —
דער נעכטן איז לאַנג שוין געווען.

1963

געבונדן

די נאַכט וועט פֿאַרשווינדן אין שלאָף,
ס'וועט זײַן נאָר פֿרימאָרגן און טאָג.
דער טאָג ברענגט אַ וואָגלער צום טיר,
אַ חלום פֿאַרמאַכט הינטער איר.

און קומט נאָר דער חלום אַרײַן,
דערקענט ער דאָס אייגענע העמד,
דערקענט ער דאָס אייגענע לײַב
און וויל ניט אַרויס אין דער פֿרעמד.

טראָגט זי דעם חלום דורך טעג,
אין ברוסט אַ געבונדענעם ווינט,
פֿאַלט, ווען דער טאָג פֿאַלט אַוועק
און שלאָפֿט דורך די נעכט ווי אַ קינד.

זינגט זי אַ מאָל, איז איר ליד
אַ טײַך פֿון די ברעגן אַרויס.
טרינקט אָן זיך אַ דאָרשטיקער בוים
און זינגט צו דעם הימל אַרויף.

1963

אין דײַן סוד

מיט ווײַסע שלייערן פון פאַרליבטע טעכטער
געפרילינגט האָט דײַן פרות־סאָד מײַן שפּראַך.
פאַר אָט דער אָנגעטרויטער ליבשאַפט עכטער
האָסטו אין סאָד זיי פון דײַן סוד אַרײַנגעבראַכט.

פאַרכטיק צו דער חופּה ווי אַ כּלה
אַ פאַרשפּעטיקטע דעם ווײַסן שלייער כ׳טראָג.
באַהיט מיך, איך בין איינע פון די טעכטער אַלע
וואָס געציטערט האָבן אין דײַן סוד.

1970

איז שוין צײַט

כ׳האָב מיט בענקשאַפֿט געמאָסטן די צײַט
און מיט נאָענטקייט געמאָסטן די ווײַט,
איז שוין צײַט דו זאָלסט קומען צו גיין
פֿון דער ווײַט מיט דער נאָענטקייט אַליין.

באַשאָנקען מיט אַ בענקענדיקער וואָר
כ׳וועל אַדורך אַלע צײַטן פֿון יאָר,
און אין וואַרעמען שטראַל לעב איך אויף,
ווי דער בוים וואָס באַשאָטנט מײַן הויף.

כ׳בין מיט אים דורכן ווינטער אַדורך
און אַ טרייסט אין זײַן כּוח געזוכט.
האָט דער ווינט אים געבלעטערט די טעג,
ניט געשווינט אויפֿן האַסטיקן וועג.

און ניט איין מאָל אין נאַכטיקער צײַט
וואַך, די אויגן פֿול בענקשאַפֿט און ווײַט,
האָב איך ציטערן שטיל אים געהערט
און צו אים האָט מײַן פֿענצטער געטרערט.

אָט זומערט באַלד אָן אַ חמסין,
וועט אין שאָטן פֿון גרינעם געשפּין
אַ פֿויגל אַרײַנפֿאַלן מיד
און באַנעסטן זײַן ליד.

1963

אַ שעה אין דײַן וועג

י. ג.

גיב מיר דײַן אָרעם, קינד,
אין זכות פון אַמאָליקע זינד
לאָז מיר אַריבער דעם וועג.

די ווײַסע אילוזיע פאַרשווינדט
פון אונטער די פוס-טריט.
דער ווינט מאַכט קאַלטן סך-הכּל
מיט נאָכבלײַב פון נעכטיקע טעג.

גיב מיר דײַן אָרעם, קינד,
ווײַל אַלץ וואָס מען מעג און ניט מעג
איז מיר שוין ניט אָנגעבאָטן.

נעם מיט מיך אַ שעה אין דײַן וועג
איידער דו ליכטיקסט אַוועק
און לאָזסט מיך אין שאָטן.

גיב מיר דײַן אָרעם, קינד,
און נעם מיך אַ רגע אויף קעסט
אַרײַן אין דײַן זומער.

מײַן זאַנגיקײט

זײ שטערט אַפֿילו מײַנע האָר,
וואָס כ׳האָב געקראָגן בירושה.
ווען ניט די זאַנגיקײט וואָס וויקלט
מיך אַרום,
זײ וואָלטן אַזאַ בושה
לכתחילה ניט באַדאַרפֿט פֿאַרטראָגן,
ווי פֿאַר אײנער פֿון זײ מיך אָננעמען;
ברעכן זיך די צײן
שיפּרירנדיק אוראַלטקײט, מײַן נאָמען,
און פּלוצעם מיך דערקאָנען.

1969

מאַמע

מאַמע,
מײַן ייִדישע מאַמע,
מען האָט ניט געלאָזט
דיר דײַן ייִדישקייט װײנען,
דו האָסט איבער מיר
װי אַ טויב ניט געװאָרקעט,
מיט ברעקלעך, פֿון מויל
אָפּגעריסענע, מיך ניט געקאָרמעט.
דאָס ליימיקע ברויט —
אַ פּאָר ביסן
מיר האָבן װי קינדער
אויף צװיי גלײַכע טײלן צעריסן
מיט פֿינקטלעכע מאָסן —
אויגן פֿול הונגער.
אויף װעגן פֿון שרעקלעכע װוּנדער
מיט בלײַענער שׂינאה באַרעגנט,
אַ זאַק איבער לענדן דאַרע באַהאָנגען,
אַ מאַמע יתומה
בײַם זײַט פֿון דײַן קינד ביסט געגאַנגען,
װאָס האָט זיך געעלטערט אין שעהען,
מאַמע קינד
פֿון דער ברייטער װיליִע,
באַגזלט
פֿון יונגן חלום
אין שפּעטע טעג
געזונט זאָלסטו זײַן.

1970

יאָר 1942

אין ווײַסן פעלד הונגעריק די מוזע —
פרויען אײַנגעבויגן בינדן אויף אין סטויגן
שטראָלן אויסגעלאָשענע — פאַרקוואַרטע קוקורוזע,
וואַרפן אָן מיט זיי די וועגענער ביז אויבן.

ווי בלאָנדזשענדיקע שיפן מיט אָפּגעפליקטע זעגלען —
אָקסן מיט צעצווײַגטע הערנער, ביזן בויך אין שניי,
שלעפּן קעגן ווינט פולע וועגענער מיט פײַכטע דערנער.

אַ שניי־מומיע איך זיץ אויף אַ באַרג מיט סטויגן.
ווי דורך שטעכלדראָט, כ׳זע דורך פאַראײַזטע וויִעס
לענג־אויס דעם וועג, אויפגעהויבן שוואַרצן תּליות,
ביימער באַהאָנגענע מיט טויטע פייגל.

1970

מײַן מײדעלע

מײַן מײדעלע האָט שטיל געװײנט,
געמײנט איך װעל ניט הערן,
האָב איך פֿון איר פֿאַרקלעמט געזיכט,
װאָס איז געשניצט מיט װײ און ליכט,
אַראָפּגעקושט די טרערן.

מײַן מײדעלע האָט שטיל געבענקט,
געמײנט איך װעל ניט װיסן,
בין איך אַנטרונען אין איר בליק
און פֿון איר בענקשאַפֿט כ'האָב מײַן גליק
מיט זיך אַװעקגעריסן.

מײַן מײדעלע האָט ניט געמאָנט,
נאָר טיף און שטיל געשװיגן,
אויף אירע ליפּן כ'האָב דערפֿילט —
מײַן דאָרשט, פֿאַרשנורט, ניט אײַנגעשטילט
װעט אײביק דאָרטן ליגן.

1963

מײַן באָבע

מײַן באָבע געסיע
די רביצין עליה השלום,
מיט בלינדע אויגן
אין איר שטילן פּנים,
מיט קלאָרע פינגער
אין קלאָרן טיכל,
מײַן ערשטן מעשׂה-ביכל
מיט ווערטער שטיל צונויפגעזונגען
האָט זי אין מיר אַרײַנגעזונגען
ווען כ׳בין פון אַלע שטראָפן
צו איר געלאָפן
זיך אין שוים באַהאַלטן.
פון אונטער פליגל ווייכע,
איר פאַטשיילע
און שירה איבער מיר פאַרבויגן,
אַ זינגפויגל
בין איך אַרויסגעפלויגן.

1970

קדיש*

דער הימל אַליין האָט דאָ קדיש געזאָגט,
די ערד אין תּכריכים געלעגן איז שטום,
אין טרויער געהילט איז געלעגן דער טאָג
און קבֿרדיק שטיל דער אַרום.

אַפֿילו דער ווינט איז דאָ שטיל אויף דער וואַך,
געשטאָרבן די ערד, ניט צו קבֿורה געבראַכט.
די טרערן דערשטיקט.
דער הספּד איז שטום.

1947

* אין אַרײַנפֿיר איז ציטירט אַ פֿריִערדיקער וואַריאַנט פֿון דעם ליד.

מײַן ברודער

ביסט פשוט פֿאַרשוווּנדן
ווי נאָכן זאַווײי.
ווער האָט געמאָלט דאָרט הײַזקע און פֿלײַן?
דער שניי, דער מאָלער, ווי דו אַליין.
דו האָסט נאָך דערווײַל ניט באַוויזן פֿאַרשטיין
דײַן גלות.

דער שניי פֿליסט אין טײַך
פֿון אַ דאָנבאַסער טאָל,
אַ שאַכטיונג, ער וואַשט
אין זײַן וואַסער אַ מאָל
די טרוקענע אויגן, פֿאַרקאָפּטשעטע הענט,
און מאַמע און שוועסטער
אים ווידער דערקענט.

און דו,
קלאַנג פֿונעם טײַך,
קאָנסט צו מיר ניט דערגיין,
זוך איך דײַן קול
אין מײַן שטילן געוויין,
אין מײַן גלות, בײַ נאַכט,
ביז עס קלאָרט.

1970

אַ מאָמענט פון פחד

אין דעם גאָרטן וועלן מיר ניט טאַנצן,
יוגנט האָט דאָרט חתונה אַצינד.
ראָז דער סאָד אין ראָזן סוד אין גאַנצן
איידער-ווינט.

הערסט עס פליִען אָפּ כּמעט חתנים,
אויך זיי וועלן פעלן דאָ אַצינד.
אין וואָלקנס זייער פּנים —
שוואַרצע חופּות וואָלקנט אָן דער ווינט.

1970

צווישן נאַכטיקע ווענט

דו געדענקסט, ביסט געקומען
כּדי ניט צו זײַן,
האָסט באַטראָטן מײַן שוועל
צו פֿאַרלאָזן מײַן הויז,
דו געדענקסט, יענער טאָג
ניט געקאַרגט האָט קיין שײַן
און געגליט ווי מײַן ווײ.
דו געדענקסט, ס'האָט די צײַט
ניט געביטן איר גאַנג,
צאָרנדיק געריסן די שעהען פֿאָרוים —
דו געדענקסט ווי מײַן האַנט
אויף דײַן קאָפּ האָט געוויינט,
יעדער פֿינגער געקושט
האָט איעטווידן גרוי.
און די נאַכט איז געקומען,
מער נאַכט ווי ביז דאַן,
צווישן נאַכטיקע ווענט,
דו געדענקסט, ווי אַנטלויפֿן
אַ מאַן פֿון אַ מאַן
האָט געוואָלט,
און, אָ גאָט,
ניט געקענט.

און דערנאָך האָט אַ כוואַליע
פאַרשלונגען, ווי לאַנג,
דו געדענקסט,
איך בין שענער געוואָרן
פון זיך,
בײַם פאַרגאַנג,
אין דײַן בליק.
און דערנאָך האָסט אַ ווינט
זיך געריסן פון מיר
און אַ ווינט האָט פאַרלאָזן דאָס הויז.

פֿאַרטרונקען

װען אין װערטער־טופּיק כ׳זוך אַ װאָרט
כ׳זאָל דיר קענען דערזינגען דעם שיר
און איך שטיי אויפֿן ברונעם אַ קװאָרט,
אָן אַ שטריק װי אָן װערטער צו דיר,
אין װאַרטן פֿאַרלאָרן און מיד
און איך װייס, כ׳װעל ניט זינגען דאָס ליד,
כ׳האָב עס ערגעץ פֿאַרטרונקען אין מיר,
בליפּעט אויף און פֿאַרמאַכט זיך די טיר.

1968

איידער נאַכט

גערווידמעט גבריאל פרייל

נאָך דורכגעמאַכטע מײַלן
קוים צונויפגענומען אַ ביסל שטראַלן
קאַווע צו פאַרווײַסן.
ער אײַלט אַוועק, ס'זאָל נאַכט
אים ניט פאַרכאַפּן,
מיט קורצזיכטיקע פינגער
דאָס ביסל ליכט צעגיסן,
ביז ער וועט באַווײַזן
די שוועל פון הויז אַריבער.
ער פאַלט אַרײַן, נעמט זיך צונויף
און גיט זיך איבער
שוואַכקייטן פון מידע.
פון אירע אויסגעשטרעקטע הענט
ער קאָן אין זיי איר מער שוין ניט דערקאָנען,
ער נעמט אַוועק די שאָל,
צוגעווױנט פון משׂא זיי באַפרײַען,
פון אַלטע פאָרצעלײַען,
ווי אַן אַדיקט פון אַ פײַקע מאַראַוואַנע.
תּאוותדיק ער אָטעמט אײַן די מרור,
פון הייסע פּאַרע
צעגייט די שרעק ווי קעלט אין זײַנע גלידער
און טראָגט אַריבער
אין וועלט פון זון־חלומות.

ניו־יאָרק, 1969

צו אַ סאַברע

ווי זאָל איך צו דיר ריידן,
זיך צו דיר דעררײדן?
מײַן זיידע האָט אין דײַן לשון געקידושט,
די טעג פון וואָך געייִדישט.

פון זײַן שוועל, די בלאָנדע צעפּ צעלאָזן,
מײַן מאַמע איז אַ באָרוועסע אין ווײַנשלסאָד געלאָפן,
פון דעם חידוש, ווײַנשלסאָד און קידוש,
בין איך מיט שקיעה־האָר געבוירן.

פון ליכטבענטשן ביז ליכטבענטשן
האָב איך אין מאַמע־לשון אַלץ געלערנט פאַרגעדענקען.
דערפון אין וואָכיקן געזאַנג מײַנעם
דער יום־טוב און דאָס בענקען.

1970

ג ל ־ ע ד

פאַר בלומען

זי אויפהייבן און אַליין צופאַלן צום שטיין?
פון צוויי פאַרגליווערטע צוזאַמענשטויסן
קאָן נאָך אַרויסזעצן מיט פײַער
און אומבאַמערקט אין בערג
דעם יונגן וואַלד אָנצינדן.
זון מיט שקיעה־שעה גראַווירט
אין שטיין זײַן נאָמען
און אויף איר פּנים וועגן,
וואָס וועלן צו אים ברענגען.
לאָזן איר אין דער פאַרקניטקייט בענקען,
דעם יונגן וואַלד די פאַרגליווערטקייט צעטרייסלען?

1970

ווי קינדער

כ׳וויל קענען שרעקן זיך ווי קינדער,
ניט נעכטן, מאָרגן, — איצט, אַצינדערט,
פֿאַרשטעקן זיך פֿון שרעק אונטער דער דעק,
זי לאָזן אויף יענער זײַט אַוועק.

כ׳וויל קענען וועלן, ווי עס ווילן קינדער,
ניט הײַנט, ניט מאָרגן, — איצט, אַצינדערט,
אַרײַנגעוויינט, ווי זיי, אין איין געפֿיל,
פֿאַרגעסן זיך דעם וואָס, געדענקען נאָר דעם וויל.

נאָר איין זאַך וואָלט איך ניט פֿאַרשענקען
פֿון דערוואַקסענע,
דאָס בענקען.

בײַם לייענען רחל פישמאַנס לידער

האָסט אַ װײַנגאָרטן, די טרױבן
האָסט אין צײַט גענומען קלײַבן,
טרינקסטו זון און רעגן אױס
מיט איין באַװעגונג —
קענסטו, שװעסטער, לאַכן.

װען די גוטע ערד דיך מוטערט
אין איר שױס — דעם טאָל,
די גלידער אָטעמען בטחון
זעקס טעג אינדערװאָכן —
קענסטו, שװעסטער, לאַכן.

דורכגענומען זון און בליטן,
רוּקסטו אַרײַן אין שבת,
לױכטן ליכט — די אױגן דײַנע,
און צװײ קױלעטשן — די אָרעמס
אױפן װײַסן טישטעך שײַנען,
נאָר אַ ברכה מאַכן —
קענסטו, שװעסטער, לאַכן.

נאַכט, דאָס קלייד אַראָפּ, די יאָכן,
מיד פון יונגקײט, װערסט אַנטשלאָפן,
מיט דער זון אױפװאַכן, —
קענסטו, שװעסטער, לאַכן.

1970

נאַכט

גערענקסט ניט, קענסט ניט גערענקען מײַן שרעק,
דײַן שרעק געווען איז גרעסער.
ווי אַ הון אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ, האָסט נאָכגעפאָלגט
דעם מעסער פון די אויגן־ווינקלען.
ער איז ניט אַראָפּ,

אַראָפּ איז נאָר די נאַכט אויף דײַן געזיכט,
און אַרום דיר איך.

דו ווייסט ניט, דו אין גאַנצן אין טרערן,
מײַנע פאַרשטיקטע קענסטו ניט הערן.
אין חושך פאַרדעקט, איז פאַרלאָרן געוואָרן
צווישן אונדז ביידן דער חילוק פון יאָרן.

גערענקסט ניט, אויף מאָרגן זען דיך צופרידן
געזאָגט כ׳האָב דעם ערשטן דערוואַקסענעם ליגן.

1969

דער אָוונטיקער ים

פֿון גאָלדגעשפּין אין טיפֿן גרין
דער אָוונטיקער ים.
אין כוואַליעס טראָגט אַ רויטער צאָפּ
אַ שווימענדיקן פֿלאַם.

אָט הייבט אַן אָרעם זיך אַרויס,
אַ צווייטער שנייִק קלאָר,
אַ ווײַסער פּנים, העל מיט ליכט,
אין רויטער ראַם פֿון האָר.

גאַפֿט דער ברעג,
עס שווימט צו אים אַ ברענענדיקער שוואַן,
זי הייבט זיך אויף, ווי אויסגעהויכט
וואָלט זי דעם גרונט פֿון ים.

ווי ס׳וואָלט די כוואַליע איר געשענקט
די בייגיקייט אַליין,
זי וואַרפֿט אַ גרינעם בליק דעם ברעג,
די זון וואָס וויל פֿאַרגיין.

זי פֿלעכט פֿונאַנדער פֿלינק איר קרוין,
כאַפּט אויף איר שפּיל דער ווינט,
און דער פֿאַרגייענדיקער טאָג
אין אירע האָר פֿאַרשווינדט.

1966

ביז איך וועל געפינען

זע ווי תמיד די לבנה
קאַלטבלוטיק זי שווייַגט פון הימל
און דערציילט ניט דעם פרימאָרגן
וואָס זי האָט בייַ נאַכט געזען.

אין מייַן בלומענטאָפּ אַ בלימל
האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן
און באַהאַלט דאָרט מייַנע אויגן,
ווייסט ניט וואָס איך טראַכט און וועז.

באַלד וועט האַלבנאַכט ווידער שלאָגן
און דערנאָך וועט ווידער טאָגן —
וועל איך וואַנדערן אויף גאַסן,
זוכן קלאַנגען פון דייַן ליד.

ביז איך וועל אַ קלאַנג געפינען
אויסצוטאַנצן, אויסצושפּינען,
ביז עס וועט דער טרוים צערינען
און כ׳וועל אומקערן זיך מיד.

1953

אין חלום

איך חלום שוין ניט מער פֿאַרביקע חלומות,
ווי פֿון איבערן קאָפּ איך רײַס אַראָפּ
אַ ווײַסן וואָלקן
און הייב זיך אויף אין פֿלאַטערטאַנץ
ווי ס׳קאָנען נאָר די מעוועס,
אין ריטעם פֿון גרין צעשפּילטע קאַרבן —
דער אויפֿגעוויגטער ברעג, ווען אים פֿאַרלאָזט אַ שיף.

אין חלום פֿאַל איך שווער אַרײַן, כ׳זינק טיף
און אַלץ וואָס עס פּאַסירט דאָרט איז אָן פֿאַרבן,
ווי רגעס לעצטע פֿון אַ דויערדיקן שטאַרבן.

1969

דראָטן

איך לאָז זיי גיין, די טעג, אָן רוף,
כאָטש מיר איז ניט פאַרבאָטן
זיבן ציטערן צום איבעררוף —
די ראיהלאָזע דראָטן —
און פאַרראַטן קאָן אונדז ניט דײַן בליק.

נאָר מן־הסתּם איך עלטער זיך אַלטמאָדיש,
אָדער מיר זענען טאַקע פון זעלבן ליים געקלעפּט,
וואָס מיט דײַן שוואַכקייט כ׳האָב זיך אײַנגעלעבט
און לעב ווי טעג פון זייער יאָר.

1971

אַרויסקוקן

שעהען שטאַרבן לויפנדיק.
מיר קאָנען ניט דעם פּנים
זייערן פון שטאַרבן.

פאַרפּישופטע אין שפּיל
פון בלוטנדיקע פאַרבן
מיר לויפן מיט.

און ווען דער מערב
גליט מיט ליבע אָן,
מיר לעבן אייביקייט,

און ווען פון שטערן
רינט דער הימל אוים
אין גרויער ליידיקייט,
מיט אויגן רויטע
מיר קוקן אויף דער זון אַרוים.

1971

ערד און פליגל

ד אָ ר ש ט

דער מידבר אונטער זײַנע פּיס
האָט זיך גענומען שפּאַלטן,
ווען ס׳האָט זײַן נאָז באַרירט
דעם קאַלטן מויל פון קריגל.
אָט פליִען זיי, צוויי פליגל,
דעם דינעם האַלדז אַרום פאַרשלאָסן,
און מויל מיט מויל האָט זיך צונויפגעגאָסן
און אַזוי געבליבן,
ביז דער ערשטער טראָפּן
האָט דעם פאַרלעצטן פאַרטריבן.

און ס׳האָט אַ וויי געטאָן מיט קילקייט
אויף די גליִענדיקע אויגן,
ווי ס׳וואָלט דער מידבר־ערד
אַ פרישע גראָז באַצויגן.

1966

אין פעלד בײַ רמלה

ווי ראָבן שוואַרצע די פליגל אײַנגעצויגן,
געבויגן איבערן אייגענעם געשריי,
ווי פלאַנצן אין הייסן ווינט באַהאַלטן
די בליִונג, ליפּן לעכצנדיקע,
אין פינצטערניש פון שאָרסטקע שאָלן —
צאַפּלט זייער ברוסט
צום אומבאַוווּסטן ליכט,
תּמיד דאָס געזיכט פון צײַט באַהאַלטן.

נאָר איינער נעמט זיי דורך און דורך
די אויגנשפּאַלטן
אין ווײַסן טוך, אַ רויבפויגל
אַרום, אַרום די סטײַעס
וואָס ראָיען אין דעם פעלד,
געבויגן איבערן אייגענעם געשריי.

1966

ר ע ג ן

חסיהן

רעגן, כ׳האָב דיך געזען
אין די אָרעמס פון אַ וואָלקן
אײַנגענומען.
געשווומען אין אַ ים פון בלויקייט
מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם.

אָט־אָט און וועסט צעשפּרונגען ווערן
און צופאַלן צו דער ערד
וואָס האָט אויף דיר געוואַרט
מיט אַלע חושים.
אָט־אָט און ס׳וועט דײַן קוואַלנדיקע
בענקשאַפט
די פאַרברענטע ליפּן
איר אויסקושן.

ביסטו פאַרבײַגעפלויגן
און איר געלאָזט
מיט טרוקענע אויגן.

1962

ג ר ו י

וואָס איז געשען? איך האָב אַזעלכע טעג
נאָך ניט געזען אין אַזאַ צײַט פון יאָר.
נעכטן האָט דער הימל נאָך צעפלאַכטן
זײַנע האָר מיט גאָלד אויף בלוי
און הײַנט פּאַראומערט קוקט ער ווי אַ פרוי
וואָס האָט אויף אירע האָר
דערזען אַ נעץ פון גרוי.

און דער חלל איז פול מיט פײַכטן ווינט,
ווי אָנגעפילט עס ווערט איר האַלדז מיט טרערן,
ווען זי, שפּאַצירנדיק מיט זומערדיקע טריט,
האָט אין אַ דורכשלײַכנדיקן אָפּמעסט פון אַ בליק
דערפילט דעם נאָענטן האַרבסט.

1965

פֿאַרהאַלט זיך אַ רגע

פֿאַרהאַלט זיך אַ רגע בײַם ברונעם
וואָס קומט דיר אַנטקעגן,
לויטער דײַן גומען און גוף,
טריקעניש ליגט אויף די וועגן.
דער דרום-ווינט יאָגט אָן הייסע מעת-לעתן,
דו וועסט אין מידבר דײַן דאָרשט ניט פֿאַרלעשן.

און איידער דער עמער הערט אויף
אין האַלדז פֿון ברונעם צו קלאַפּן,
גראָב אײַן דײַנע אויגן און קוק אין דער טיף
וואָס לאָזט זיך און לאָזט זיך ניט צאַפּן,
וועסטו דײַן פּנים דערזען קומען אין רונדן אַנטקעגן
און פֿאַלן אין שטילקייט וואָס בלײַבט אין די אייגענע ברעגן.

1968

פאַרזאָגט

און די נעסט וואָס מיט ליבשאַפט און שרעק
האָסט געבויט און מיט בענקשאַפט געפלעגט
איז פאַרקלאַפט: זי איז אַוועק.

האָסט איר זינגען פאַרזאָגט ביַי דיַין שויב,
פון דיַין יום-טוב איר יום-טוב געראַבט.
פליט זי, דער רעגן זי יאָגט,
אין פאַררעגנטע פליגל זי טראָגט
איר שטורעם פון שטורעם באַהיט,
זוכט אַ דאַך פאַר איר ליד.

אַ טריִסט

איז דאָס דער פֿויגל אָדער דער וואַלד
וואָס טראָגט און צעטראָגט זײַן געזאַנג,
צאַפּלט דעם צאַפּל פֿון בלעטער,
באַרירט פֿון באַפֿליגלטן קלאַנג.

איז דאָס זײַן קומען פּלוצעם
אין טונקל פֿון ליכט,
דער עכאָ וואָס לאָזט נאָך זײַן שטימע
— אַוועקפֿלאַטערנדיק אומגעריכט

גוט וואָס אין לאַנד דאָ די ביימער
באַבלעטערן זיך כּמעט דורכן גאַנצן יאָר.

1970

פּל־זמן

דאָ אונטער דער ערד שלאָגן קוואַלן,
ספּרודלען זיך די נאָזלעכער אין טריקעניש
פון קאָפּ.
זיי זאָגן, געאַלאָגן ווייסן זיך ניט אײַלן,
כּל־זמן אין קראַנען וואַסער פּליסט
די זייגערס ציילן און פאַרטיילן
יעדערן מיט גלײַכער מאָס אַיעדן טאָג.
אין ווינטערדיקן רעגן טו איך זיך פאַרגעסן
דעם דויערנדיקן זומער.

אין חלום ,מיט אַ חלום

אין חלום מיט אַ חלום אין אַ חלום
כ׳האָב איינמאָליק געזען
אין אויסטערלישן אינדזל —
פון אַ פּנים
פון ברוינע דנאָען־אויגן
שווימט אַרויף מײַן פּנים
ווי איך וואָלט ביז דער רגע
קיין מאָל ניט געווען.

נאָר פּלוצעם האָב איך אים פאַרלאָרן,
און אינדזל איז אַ באַרג געוואָרן,
דנאָען פליגל צוויי צעשפּרייט —
אָדלער פאַרן פלי.
און אין דער רגע איז מיר
קלאָר געוואָרן,
איך בין אַהער פון ווײַט
צו לאַנג געפאָרן
ביז כ׳בין אויסגעשטיגן,
איך ווייס אַליין ניט ווי,
איז ער שוין געפלויגן
טראָגנדיק אין דנאָען —
זײַנע אויגן —
מײַן פּנים.

1970

אַ ברונעם ?

אין דער דערשטיקעניש
אַ פולער לאָגל —
זײַן שטים.
נאָר זײַן פאַרטראָגן זיך אין שווײַגן
איז מידבר.
איןווירבל זאַמד און ווינט
דערזען,
מיט פײַכטן מאָך אַרומגעגרינט אַ ברונעם,
אַרויסשטײַגן
פאַרן פאַלן אין חלשות.

1970

זי

זי, אַ שטאָלצע און אַ זיכערע,
איז מיר פֿאַרבײַ,
טראָגנדיק אין אירע אויגן
דעם דראַנג פֿון זײַנע אָרעמס
און אויף די ליפּן זײַן דאָרשט.
זי איז פֿאַרבײַ, ניט אַנענדיק
ווי אָרעם בין איך,
און זי האָט ניט געזען מײַן בליק,
ווי כ'האָב פֿון איר געזיכט
אַראָפּגעלעכצט זײַן טעם.
גוט וואָס זי איז שנעל פֿאַרבײַ,
געלאָזן מיר די נאַכט
אַ לאַנגע און אַ ליידיקע.

1953

די פרוי און די קאַץ

די עלנטע פרוי איז אַזוי
ווי די היימלאָזע קאַץ,
ביידע, פאַרפעלצטע אין גרוי,
באַהאַלטן דעם נעכטיקן גרויל.

אַזוי ווי די קאַץ אין דער נאַכט,
ווערט היימלאָז די עלנטע פרוי,
זי שלייַכט זיך אַרוים אין דער נאַכט
און שלייַכט אין דער נאַכטיקער גרוי.

און ס׳טרעפט, ווי די קאַץ אין איר בליק,
טראָגט נאָך די פרוי אַ בריליאַנט
וואָס רעדט פון פאַרכּישופטן גליק,
פאַרלאָרן אין נאַכטיקן לאַנד,

און ס׳טראָגט, ווי די קאַץ, אויך איר גוף
די בייגיקע כוואַליע אַליין,
וואָס רייַסט די פאַרבייַגייער אויף
און וואַרפט, און זיי לאָזן זיך גיין.

זיי יאָגן איר שיכּורע נאָך,
זיי טרעפן אין עלנט אַרייַן,
די עלנט איז שוואַך אָן אַ סוף,
די עלנט איז שטאַרקער ווי ווייַן.

אַזוי ווי דער קאַץ, אַזוי איר
אַ וואַרעמער ריח פאַרנאַרט,
פאַרריגלט זיך ערגעץ אַ טיר,
די נאַכט אין די פענצטער פאַרשטאַרט.

טרעפן פאַר טאָג קאָנסטו אָפט
די קאַץ און די עלנטע פרוי,
זיי וואַשן די עלנטע נאַכט
אַרויס פון די אויגן מיט טוי.

1954

מורא

זי האָט מורא פאַרן שטילן גליִענדיקן פײַער
וואָס פלאַקערט ניט ביז אַש.
אין וואַרעמקייט פאַרדרימלען, אָפּטעמפּן די חושים
צו ריחות פון דער גאַס.

אײַנגעקנוילט כּסדר אַ פאַרפּעלצטע ליגן,
גלײַכגילטיק אַפילו
צו דער מיאוסקייט — די מויז,
אַ זאַטע תּמעוואַטע אויפהערן זיך קריגן,
זיך קליגן מיטן קאָטער פונעם הויז.

אָט נעמט שוין פריִער טונקלען, רעגנס פאַלן אָפּטער,
לווּשעם בלײַבן לענגער בײַ דער טיר.
פון לאָמפּנליכט אין צימער, אין וואַרעמקייט
דער שטילער,
די אויגן פאַרמאַכן זיך בײַ איר.

מײַן אמתער זכּרון

אויב דו װעסט אויפֿהערן גלעטן מיך
װעל איך פֿאַרגעסן דײַנע הענט.
װײַל װי כ'האָב נאָר גענומען זען,
די װעלט דערקענט, האָב איך געלערנט
גיך פֿאַרגעסן דאָס אָקערשט נאָענטסטע.

בטבע, פֿון געבוירן, איז דער חוש־הריח
מײַן אמתער זכּרון.
און דאָס װאָס האָט פֿאַרמאַניעט מיך צו דיר,
כ'װעל זוכן בײַ אַן אַנדער טיר.

אַזױ אַ שפּרונג טוענדיק פֿון זײַן שױם,
האָט זי אויפֿהײבנדיק דעם רוקן
ביז אַ מרוק געטאָן
און זיך אַרױסגעגליטשט פֿון הויז.

1970

משוגעת

דורך די אַנגעטאָנענע גאַסן
איז זי געלאָפן נאַקעט,
האָט זיך אָנגעצויגן ווי אַ פײַל
די גאַס.
און איר מאַרמאָר־ווײַסער קערפּער
האָט די לופט אַדורכגעפּלאַקערט,
אָנגעכאַפּט די גאַס מיט משוגעת.
און זי האָט פאַרוים געריסן
מיטן קאָפּ אַ העלע כוואַליע,
די הענט צו איר געשטרעקטע
דורכגעביסן מיט די ציין,
האָט די גאַס געטאָן אַ כוואַליע,
נאָך דער כוואַליע, נאָך דער כוואַליע,
ביז פאַרטריבן צו אַ וואַנט איר,
אַלע אויסוועגן פאַרצאַמט איר,
אויף אַ רגע איז די גאַס
געבליבן שטיין.
האָט צעשאָטן זיך אַ רעווע,
און אַ צאַפּלענדיקע מעווע
איז געפאַלן צום בלוטיקן שטיין.

1958

ז ע ו נ ג

זי איז אַזוי נאָענט צוגעקומען.
עס האָט אים אויפגעטרייסלט.
אַ שלאָג־געטאָן מיט ריח האָט
פון בלאָנדע יאָרן.
ווי קאָרן גאָלדענע
אין ווינט אַרום אַ דינינקער בעריאָזע
זיי האָבן איר האָלדז אַרומגעפלאַטערט.
ער האָט געשראָקן רירן זיך, קלערן,
זיך אַליין דערהערנדיק
די זעונג ניט צעשטערן,
און פאַרמאַטערט צוגעמאַכט די אויגן.

1969

פון שטילן ניט־ווערן

אין זון

ווי דערשראָקן דו ווערסט
ווען פֿאַלסט אַרײַן אין זון,
די אויגן, וואָס האָסט מורא
פֿון טאָג אַוועקנעמען,
דעקסטו פֿלוצעם צו,
ווי אַן אָבל דעם שפּיגל,
אַ קערן ליכט זאָל ניט אַרײַנדרינגען.
פֿאַרן לאָדן — דײַן אומעט,
כ׳פֿלעג דויערנדיק אַרײַנזינגען
זומערטעג נאָך ניט פֿאַרלאָרענע.
כ׳גיי אַרײַן אין שאָטן
מיט ליכטיקייטן אײַנגעבאָרענע,
ברודער־זיך־צו צו מיר.

1970

שטראַלן

דײַן שמייכל ווי שטראַלן,
כ׳ווער חומר אונטער זײַנע גלעטן.
שוין צײַט זיך פֿון צעצווייטקייט איבערקנעטן.
מיט דײַנע דינע חושים פּאָר צירופֿים
געשטאַלטן אין געשטאַלט פֿון בײדע גופֿים.

ווי ווײַן פֿאַרזיגלטן
אין קעלער פֿון זכּרון,
לאָז פֿרײַ, צעשפּיל
דעם ווילן פֿון ניט־טאָרן.

1968

איבערוף

אַזאַ יום-טובדיקער אומעט אין גוף,
ווי ס׳וואָלט אַ קערן
לבנה-ליכט אַרײַנגעטריפט אין בלוט
און שיפט זיך אין די סאַזשלקעס
ניט-אויסגעטרערטע טרערן.

אויגן יעדער קעמערל אין גוף,
אינזיכיקער אײַנהערן —
אײַנגעוויקלט ווי אין שלייערן פון שלאָף,
ספק פחד, ספק שטימע-איבעררוף,
ערב-ווערן...

1970

מלפת הלילה

די נאַכט-מלכּה די ווײַסע
לעבט ווי אין אַ מעשׂה
אַ נאַכט.
נאָר די מעשׂה איז פֿריילעך,
זי טראָגט אין זיך
דעם ווײַסן מלך
די גאַנצע נאַכט.
זײַן קאָפּ אַרומגענומען
אין אירע פֿינגער דינע,
מיט יעדן ריר
זיי איינער אינעם אַנדערן
געפֿינען.
און ווען דער הימל
הערט אויף די שטערן וועבן
און נעמט אַוועק
דאָס ליכט פֿון זייער שטערן,
זיי פֿאַלן זיך צוזאַמען —
צוזאַמען.

1970

אַ נ י מ פ ע

אַ נימפע, ווײַטער פון ציוויליזירטן ברעג,
ווו כּל־מיני שיפן קומען אָנקערן,
כ'לאָז זעלטן זיך אַרויס פון גרינעם וואַנדערן —
די כוואַליעס, ווו אַ האַלב־פאַרטרונקענע
כ'קוק אַרויס אויף דיר,
און ווײַל דו זעלטענער ווי איך
די גאַנצע מיר,
דעם זעגל ציסט אַרויף,
שפּיר איך דיך פון ווײַטסטער ווײַט אַרויס.

און ווען אין נעץ וואָס דו האָסט צוגעטראַכט
פון דינסטן פּאָדעם,
אַרויסגעשעפּט כ'פאַל אויפן דעק
פון בלאָען שיפל דײַנעם —
נאַכט וואַרפט דער ברעג אויף מיר, אַ ווײַסע.

1970

צו איינער אַ נאָענטער

די וועלט האָט שוין פון לאַנג
געקעפּט אירע מלכים,
וואָס האָסטו אויסגעקליידט זיך
אין אַ מלכּה
און דערצו
איינע אָן חלומות?
צו וואָס אויף דײַנע ווייכע פּלייצעס
האָסט אָנגעיאָגט אַזאַ מין משׂא?
דער פעלדזנטראָט אין דײַן פּאַרזייטן גאָרטן,
ווו יעדער בייט איז אָנגעקוּשט מיט זון —
שוואַרצער חן איז אַלע מאָל אין מאָדע —
נעם אַרויס פון דער פאַרגעסענער קאָמאָדע
די ירושה
און קלייד זיך אויס צום פּנים
כּולו־אשה,
שוואַלבן דײַנע אויגן.

1970

אַ תּפֿילה

באַהיט זאָלסטו ווערן
מיט ליכטיקע רו.
מײַן פֿאַרקלעמטקייט
כ׳טראָג ניט צו צו דיר,
כ׳טו אָן מײַן שטילסטן פּנים,
מײַן העלסטע קלייד.
מײַן פֿאַרשפּעטיקט קומען —
אַ זומערנאַכט שטילע פֿרייד
גייט אויס אין מאָרגן-שטערן.
אין זכות פֿון שטילן ניט-ווערן
באַהיט זאָלסטו זײַן.

1970

דער אַלטער מאַטראָס

אַ זעגל אַלט מיט ווינט —
דער פּנים.
אַ מאַסט אָנגעצויגענע שטריק —
אָנגעאָדערט זײַן האַלדז.
וויפל אומרו פאַרזוכן
געמוזט האָט ער זײַן אַ בעלן
זאָגן עדות די ציין־געלע בעלקעס.
אַ שטוים, און זיי ווערן צעפּאַלן
איידער גרייכן די שטילקייט
פון ברעג.
נאָר דער איינציקער כּח
וואָס האַלט אים נאָך אויבן
איז די ליולקע כּסדר אין רויך,
אַ טומאַן אויפן ים, זײַנע אויגן,
ווו ס'האָט זיך די זון אויסגעלאָשן.

1970

אין אייגענעם וואַלד

אַזאַ שרעק מיך באַפאַלן,
איך בלאָנדזשע אין אייגענעם וואַלד
פון מײַן שפּראַך און איך נישטער און זוך
אַזאַ וואָרט, אַזאַ קלאַנג, אַזאַ שפּרוך,
דיך אַריינפירן שטיל אין מײַן ליד.
אויף די סטעזשקעס פון שורות די טריט
די צעשראָקענע דײַנע איך הער,
כ׳ווייס דו בענקסט, דו ווילסט קומען אַהער,
נאָר דו ווילסט כ׳זאָל אַנטקעגן דיר גיין.
כ׳פיל דײַן אָטעם, ביסט נאָענט, דו בלײַבסט שטיין.
איך בין דאָ, פאַר וואָס ביסטו אַליין?
ס׳איז אַן אָזערע פול מײַן געוויין,
אין מײַן ברוסט אײַנגעהילט נעם אַראָפּ
אירע טויען, פאַרדעק דײַן געזיכט.

די ליכט לעשט דער וואַלד,
ס׳איז אָוונט, ס׳ווערט שפּעט,
כ׳לויף אַרום אינעם וואַלד און איך בעט
אַזאַ וואָרט, אַזאַ קלאַנג, אַזאַ שפּרוך,
דיך אַריינפירן שטיל אין מײַן ליד.
ערגעץ נאָענט אַ פויגל דאָ פליט,
רופט, רופט ווען מיט שטילן געזאַנג.

1966

צעלאַן

שווים אַרויף צוריק,
מיר ווען זיך אַראָפּלאָזן
צו אייגענע גרונטן.
דעם ים־דעק
לאָז די רויבפיש
אין האַרטע שופּן.
נעם אַרויס דעם קאָפּ
פון פרעמדן שויבער,
טו אָן די בלויע יאַרמלקע —
הימל פון דײַן שטאָט,
אין תהילים אירע שטראַלן
אײַנגעוויקלט.
זע, דער מיזרח אָנגעצונדן
אַ נר־תמיד.

1970

בילד

מיט בליקן
וואָס האָבן ניט בײַ איינער
אויסגעקוקשט די פֿאַרבן
הייסט ער איר:
— זיץ, ריר זיך ניט.
ער מאָלט.
ווי ווײַט, אַ סך ווײַטער
ווי דער אויסשטרעק פֿון זײַן האַנט
איר פּנים,
ווי נאָענט, ווי דאָרט
צום ערשטן מאָל.
ער מאָלט.
און ווי אין חלום,
ווי אין אַ קרוג
פֿון פֿאַרצעלײַ — איר נאַקעטקייט
דעם האַלדז וואָלט אויסגעבויגן
צו אים אַ בלום
און אָנגעקוקט אים.
טוי אין אירע אויגן.

1970

באַפרײַט

כ׳פֿאַל אַרוים פֿון דעם שטיינערנעם שייד,
כ׳פֿאַל אַרײַן אין דײַן זילבערנעם שטראָם,
די אײַזיקע שטילקייט צעגייט,
פֿון גרויזאַמען העמד אויסגעטאָן.

און צעשפּילט אין די שטראַלן פֿון טאָג,
אַ רויש נאָך אַ רויש פֿאַלט באַפֿרײַט,
און דער טײַך אין די כוואַליעס דערטראָגט
ווײַט צו נאָנט, נאָנט צו ווײַט.

און די שטילקייט, דער רויש און דער שטראָם,
אין אַ ליד ניט־דערזונגענעם בלאָ,
וויגט מיך אײַן, וועקט מיך אויף ביזן תּהום:
איך בענק צום ניט־דאָ.

1963

כ׳וועל ווידער צו דיר קומען

כ׳וועל ווידער צו דיר קומען,
גלייב, כ׳וועל קומען ווידער
צו דיר אַזאַ ווי פריִער,
אַ פרוי, אַ ווילדע קינד,
און מאָנען מײַנע בלומען,
די צוגעזאָגטע בלומען,
דעם דורכגערוישטן ים,
דעם אײַנגעשטילטן ווינט.
איך האָב אַ כוואַליע מיטגעריסן
אין מײַן בלוט —
קלאַפּ איך זיך צוריק
פון אַלע ברעגן,
און וועמען איך באַגעגן
פרעג איך אויפן ים,
איך זוך מײַן רו און זיך
אויף אַלע וועגן.

1954

דער הירש

פאַר יעקב גלאַטשטיין

איך ווייס ניט צי עס ווייס
דער גרויער הירש
אַז זײַנע הערנער שטעכן,
נאָר ער קאָן זיכער די קוואַלן
פון אַ קלאָרן וואַסער.
אין זײַן קיניגרײַך,
ווו שכינה און סכּנה זײַנען שכנים,
שרעקט ער זיך ניט
צו צעברעכן דעם פוס דעם שלאַנקן
ווען דאָרשט באַפליגלט אים.
און נאָך דער פּאַסטושקע —
איר קריגל פּויעט פאַרבײַגייער —
ער יאָגט זיך ניט.
זײַן חוש-הריח פון ווינט געשליפן,
אַ זעגל טראָגט אים אויף די כוואַליעס,
און ווען ער הייבט דעם קאָפּ פול וואַסער,
טונקען זײַנע הערנער זיך אין זון.

1970

*

אַ סך אויגן האָבן דײַן שוואַנענהאַלדז געקושט,
כ׳בין ניט די לעצטע
און ס׳ווערט פֿון דעם מײַן זיסער ווײ ניט שוואַכער.
צוגעטוליעט ווי דײַן שלאַנקייט
צו דעם גרינעם וואַסער
מײַן גרינער בליק צו דיר.
פֿאַרבאָרגן ווי דער פּרינץ אין צווײַגן־סבכים
וואַרט איך ניט אויף דײַן
איבערגעשטאַלטונג.
כ׳דערקען די מאַיעסטעטישקייט אין דײַנע דרכים,
ס׳טראָגט קיינער ניט ווי דו די קרוין —
די זון איבערן קאָפּ,
ווען אויפֿן קאַלטן פּאַרקעט
פֿון לעצטן זומערטאָג
שלײַכט אַוועק אומעטיקסטע ווײַסקייט.

1970

אָדלער

נעכטן אַ געדרודפּטער,
היינט האַלטסט נאָך אין איין לויפן
מיט שפּורן פון צפון־וואַלד
אין דיינע האָר.
נאָר אָדלערבליק האָסטו
מיטגעריסן פאַלנדיק פון הייכן,
ווען ס׳האָט אַ יעגערקויל
אַראָפּגעשאָסן דיך
אין בלוטדאָרשטיקער שעה.
דו פעדערסט זיך נאָך היינט
אין פאַרשאָטנטע מקומות,
ווי דאָרט, ווען האָסט געלערנט זיך
פון הייל צום בוים
אויף ס׳ניי דעם ערשטן פלי.
אויך דאָ, אין מיזרח־לאַנד,
באַפאַלט דיך אָפט אַן אימה,
ווען ס׳שאַרט די זון אַדורך
די בלעטער אין דער פרי.
נאָענט, אַ זוניקע,
כ׳האָב מורא זיך אַנטקעגן גליִען,
פאַרלירן זאָלסטו ניט
דיין גלייכגעוויכט
ווען קלייבסט זיך ווידער פליִען.

1969

רויט אויף ווײַס

אַנענדיק די אָקערשט זינגענדיקע כוואַליעס,
פּלוצעם אײַנגענומען אין קאַלטן שווײַגן,
כ׳האָב ניט געקליבן זיך אויסליגן אין ווייך געבעטע בעטן,
ביז אָפּלאָזצײַט וועט ווידער זיי צעוויגן.

און איידער ס׳וועלן פּלאַצנדיקע קריִעס
אויפשפּרודלען מיט בלויען,
אַרויסשפּאַרן וועט מוטנער שוים פון אײַנגעקרעמפּטע דנאָען,
נאָר אין קרישטאָלענער פּאַרפרירונג
זיך אַרײַנגעשניטן נאַקעט העל,
אַ שפּריץ געטאָן האָט רויט אויף ווײַס
און מים חיים אַרויסגעזונגען האָבן טיפן.

די נאַכט איז אין גאַנצן מײַנע

די נאַכט איז אין גאַנצן מײַנע,
איך בין אין גאַנצן וואַסער
אַרומגעבערגט מיט נאַכט,
סאַמעט-בלויע שטילקייט.
כ'שווים, באַרירנדיק מײַנע חלומות,
דאָרט שפּיגלען זיך די ווײַטסטע שטערן,
רירן אָן מײַן פּנים.
פֿאַר איינער, דער בלאַסער סוד-טרעגערין-לבנה,
כ'בין זיך מתוודה.

ווי קאָן עס זײַן איך

אַ געזאַנג

ערשטע פרילינג-בלומען
מיט דיר זײַנען אַוועק,
פון זיי איז אָנגעקומען
אַ טויב — דײַן בריוו פון וועג.

פרילינג איז פאַרגאַנגען,
ווּ ביסטו אַרומגעגאַנגען
דעם כּישוף צו פאַרשטיין?
אָט פון אַזוי פיל סאָרטן
האָט אָנגעבלומט דײַן גאָרטן
איין ליד אַליין.

1970

אין אַ פעלד פון גאָלד

כ׳האָב זיך אויסגעמאָלט, כ׳האָב זיך אויסגעמאָלט,
אין אַ פעלד פון גאָלד, אין אַ פעלד פון גאָלד,
מיך אײַנוויגן, אײַנוויגן, אײַנוויגן.

און אַ שטילער זום, ווינט אין זומערזון,
זאָל מיך אײַנזינגען, אײַנזינגען,
און דעם מידן וועג, ווען איך שלאָף אַזוי,
שטיל אויסטרינקען, אויסטרינקען,
ווי אַ בין פון בלום אויסטרינקען.

און מיט זילבערליכט, אין אַ בלויער נאַכט,
פון אַ שניטערזון, וואָס כ׳האָב אויסגעטראַכט,
מיך אויפוויגן, אויפוויגן,
אויפוויגן.

1968

געזאַנג פֿון היץ

וואָס האָסטו, מאַמע, צוגעטראַכט
די היץ מיך אָפּצולעשן —
די אַלטע נײַע מעשׂהלע
„אין דרימל די פּרינצעסן".

עס האָבן איר קראַנקן שלאָף
געהיט די ווײַסע שטערן,
פֿון דײַנע ווײַסע פֿינגער רינט
זייער ניגון אויף מײַן שטערן.

ווער הייבט דעם צודעק גלעזערנעם
אַוועק פֿון מײַנע ברעמען?
ווען קומט דער קוש צום קראַנקן שלאָף,
דער אויסלייזער, פֿון וועמען?

דער רײַטער, וואָס פֿאַרמאָגט דעם סוד
פֿון אָט דער מעדיצינע,
האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אינעם וואַלד
וואָס הערט ניט אויף צו גרינען.

דער זומער איז שוין באַלד פֿאַרבײַ,
עס איז צום האַרבסט שוין נענטער,
דער ווינט דער קאַלטער בלאָזט אַוועק
דעם גרינעם פּלאָנטער.

אַ הײַזקע

אַ שפּאַן איז געװען צום דערלאַנגען
די טיר אין אַלײן.
נאָר ס'האָט װי אַ קנויל זיך געפּלאָנטערט
דער װעג אינעם גײן.
געסעלעך, גאַסן,
אַ װעג פֿאַלט אַרײַן אין אַ װעג,
קײַקלט דער ברוק זיך
און פֿירט אין דער נאַכט זיי אַװעק.

אַזוי װי די ערנסטקייט אָפּט
פֿאַנגט זיך אָן פֿון אַ לאַך —
אין װעג איז געשטאַנען אַ הײַזקע,
אַ הײַזקע? אַ דאַך!
אין בלעטער־פֿאַרטונקל זיך האָבן
פֿאַרלאָרן די װענט,
אַרויסגעקוקט האָט נאָר אַ טיר
מיט צעאָרעמטע הענט.

און אײדער זיי האָבן באַנומען,
און אײדער זיי האָבן דערטראַכט,
צוזאַמענגעטוליעט װי טויבן
זיי אונטערן דאַך.
די אַלטינקע באָנע, די װאַכע לבנה,
װאָס האָט ביזן שװעל זיי באַגלייט,
האָט הינטערן פֿאָרהאַנג — געפּלעכט פֿונעם רעגן —
דאָס ליכט באַלד אַרונטערגעדרייט.

1965

אהובי

אהובי־עיניים,
אַ וואַסער ברייט איבערן ברעג,
זײַן בליק פול איבער מיר,
כאָטש איך ווער פאַרטרונקען
ווער איך ניט דערטרונקען,
ווײַל ער לאָזט אים לאַנג
ניט איבער מיר.

אהובי־כנפיים,
שפּרייט אַ פויגל זומערן,
געקומען פון ניט־הי,
וויגט מיך אויף זײַן ניגון,
ווער ווערט מיך פאַרוויגן
ווען דער ווינטער קומט?

1970

אויב איינער פון אונדז

אויב איינער פון אונדז
דאַרף פאַרגעסן,
זאָל דאָס ניט זײַן איך.
איך גלייב אין דער זון,
אין די שטערן,
ווי קאָן עס זײַן איך?

כּל־זמן דער ווינטער
האָט פרילינג אין טראַכט
און טאָג פאַרלירט זיך
אין נאַכט,
און פייגל אָן שירה ניט קאָנען
צונויפרופן זיך,
ווי קאָן עס זײַן איך.

1970

ווּ ס׳איז דאָס וואַסער שטיל

קום ווּ ס׳איז דאָס וואַסער שטיל, די ביימער
קוקן צו די וואָרצלען אין די טיפן
און אין שטילן פליעסק פון איין פּאָר וויעסלעס
זינגען צוויי חלומות אין אַ שיפל.

צוויי חלומות זינגען שיפל, און די אויגן
גיסן זיך צונויף ווי טײַך און רעגן,
און אַ טעפּעך, ווי אַ רעגן־בויגן,
שפּרייטן די לאַמטערנעס פון די ברעגן.

און די וואַסער־פּלות, צעפּ צענומען,
מיט לבנה־שלייערס אויפן שטערן,
טוט די נאַכט אַרויף אויף וואַסער־פינגער
אַ מקדש־רינג פון עכטע שטערן.

קום צו גרינער חתונה,
דײַן שווײַגן
איז דעם שטילן וואַסער ניט קיין פרעמדער
דאָ בײַ חופּות פון צוזאַמענצווײַגן.

1971

די אויגן

אין דײַנע בריוו צו מיר

אין דײַנע בריוו צו מיר
איך לויף דורך דיר, מײַן שטאָט,
אַ קאָמפּאַס מײַנע חושים.
פון זיגזאַגן, ווי אַ שטעכלדראָט,
כ'באַפרײַ איעדן אײַנגעקלעמטן אות
און ניי צונויף זײַנע צעריסענע מלבושים.

דעם נאָכבלײַב, קנופּן־פּינטעלעך,
כ'קניפּ אויף
און בינד צונויף דעם פאָדעם,
מיט פינגער ציטערדיקע
גלײַך איך אויס דעם שטח —
זען דיך, שפּירן דיך ווי קודם.

אין דײַן גרויען אייביקן לבוש
קאָנסט דײַן ליכטיקייט
ניט אויסבאַהאַלטן.
פאַרכטיק שטייסטו אין די בערג,
אין די שטילע תפילות אײַנגעהערט,
וואָס פאַרן שטײַגן, זיך אין דיר פאַרהאַלטן.

ניו־יאָרק, 1969

אַ מיזמור

אייביק איינציקע, געקרוינטע,
שטאָט פון געטלעכער ירושה,
כ׳גיי אַרום דאָ ווי פאַרכישופט
אין געפּלעכט פון רייץ און קדושה.

ניין, איך גיי ניט, נאָר אין חלום
כ׳שוועב אַוועק מיט דײַנע וועגן,
ניט צוויי אויגן, נאָר צוויי פליגל
מיך באַוועגן.

נידער איך אין דײַנע טאָלן,
הויז און בוים צונויפגעוואַקסן,
הייב איך זיך צו דײַנע הייכן,
טורעמס גרויע אויף די אַקסלען.

צוגעטוליעט צו די ביימער,
תפילה־הײַזער דײַנע שטילע
האָרכן פרום און ציטעריק
ווי עולם פאַר נעילה.

מיט דער עפּענונג אין טויער
רוקט זיך נאָנטקייט צו די ווײַטן,
לויכטסטו אַרויס דורך אַלע גרויען,
זונסטו אַרויס פֿון אַלע צײַטן.

כ׳גיי אַרום אין שרעק און שטוינען,
דאָרשט-פֿאַרשמאַכטע אַלע חושים.
אייביק איינציקע, געקרוינטע,
שטאָט פֿון געטלעכער ירושה.

1970

אַן אדר־נאַכט

אַן אדר־נאַכט אָן שטערן,
די גאַס איז אין לוזשעס געשווומען,
אין ליכט פון צעוויגטע לאַמטערנעס
איז ער איר אַנטקעגן געקומען.

ער האָט זיך צו איר צוגעבויגן,
אַזוי ווי צום שיפל אַ זעגל,
אַרום מיט פאַרלאָשענע אויגן
די שטאָט און דער רעגן.

קאַלט דער ברעג און פאַרשלאָסן
אין שווײַגן און שטומען,
פרעמד צו די פרעמדע מאַטראָסן,
ער האָט זיי ניט אויפגענומען.

די ווײַסע הײַזער אין שלאָפן,
פאַראַנקערט אין אייגענע ברעגן,
זיי זײַנען פאַרבײַגעלאָפן
מיט זײַטיקע וועגן.

דער ים־ברעג צעהוידעט, צעשפרייט זיך
און יאָגט אַ ווילדן ניגון,
און ס'האָבן די כוואַליעס געפרייט זיך
די צוויי צו פאַרוויגן.

1963

אַ נאַכט אין עמק

נאַכט, האָסט מיך אַנטפּלעקט,
כ׳לעש אוים אין הימל די שטערן,
איצט וועל איך דעם שטן געהערן.

די רויטע לבנה פאַרטריבן,
איצט בין איך אַ משכון פאַר זינד
פון חוהן געבליבן.

נאַכט, כ׳לעש אוים די שטערן,
איך קאָן זיך איצטער ניט ווערן.

דער הימל איז בלוי,
ס׳מוז בלײַבן אַזוי.

מיזרע, 1952

עין־גדי

צו דײַן קוואַל כ׳בין ניט דערגאַנגען, דויד,
דאָרט ווו קלאַנגען פאַלן גלײַך פון הימל
אין הויפּנס פון די בערג און ווערן ליד —
אַהין האָב איך ניט דערגרייכט.

נאָנט אַזוי האָט איבער מיר געהייכט
דאָס ליד וואָס האָסט צונויפגענומען,
צעכוואַליעט זילבער איז אַראָפּגעשוווּמען
דורות לאַנג איבער דײַן גרינעם גוף.

ווי טעכטער פון אַ מאָל,
פון דײַן געזאַנג באַטרונקען,
געקלעטערט כ׳האָב אַ דאָרשטיקע
פון טאָל.

נאָר וועגן באַווילדערטע,
וואָס האָסט צו זיך געלאָזן,
מיך האָבן ניט דערלאָזן
צום מקום ווו עס קוואַלט אַרויס דײַן קול.

1967

ברוקלין

אַ שטאָט
וואָס האָט פון איר זומער
די פייגל פאַרטריבן.
אויף איר העכסטן גאָרן —
דעם הימל
און אַלטע כינעזערין זון
פרעסט וואָלקנס פאַרגעלטע,
הענגט זיי איבער די דעכער,
ווו ס׳קומען אַפילו
קיין קעץ זיך ניט פוילן.
אַ שטאָט
מיט פאַרהאַקטע פענצטער,
אין שויבן
אויגן ווי קוילן
וואַרטן, ווײַסער קריסמעס
זאָל די שוואַרצע גאַסן באַדעקן.
אַ שטאָט אײַנוווינער,
אָן שכנים.

ברוקלין, 1970

סאָבוויי

געכאַפּט פון אומרו איך לאָז זיך אַראָפּ
איבערן קאָפּ אין חושך,
מיט פײַער־קײַכיקע באַנען,
אַבי אַוועק, אַוועק פון דאַנען
פון וואַנען איך לויף!

כ׳פּאַל אין נעפּל נעאָנליכט און רויך,
פאַרשפּיצטע קנאַפּל, בריסטן, בליקן
צעטרייסלט בײַ ווענט און אויף בענק,
ווי הינער פאַרחלשטע אויף אײַזערנע האָקנס,
בלוטלאָזע פּנימער הענגען אויף הענט.

דאָ אין הונדערט־גראַדיקער פּאַרע
נערוון צאַפּלען ווי אויף אַ שטריק.
דורכן געדראַנג, מיט שטעקנס, זשאָנגלירן
שטײַפע זשאַנדאַרמען הין און צוריק.

מיט חושים פאַרטעמפּטע כ׳שטעק אין אַ שפּאַרע —
צוויי נאַסע גופים וואָס האַלטן מיך אויף.
גוט וואָס כּסדר די מײַלער פון סאָבוויי
בײַטן די משׂא אין לויף.

ברוקלין, 1969

די 42סטע קאַפעטעריע

ווער וויים ווי לאַנג
זיי זיצן דאָ אַזוי
אין עיפּושדיקן נעפּל
וואָס קעסלען זידן אוים
איבער דער גרויסער האַלע.
ווי פליגן פאַלן פון פליגן־פּאַפּיר —
אַרבל אָפּגעקראָכענע צום נאַסן טיש.
דער מיט דער ווײַס־צעשפּאָלטענער
טשופּרינע
און דער מיט דעם פּליך
געשטעמפּלט זײַנען מיט דער זעלבער
גרויער מראה —
אין פּאַרע אויסגעווייגט
איבער אַ שיסל זופּ.
די בלויע אָדערן אויף הענט
זיי מסרן די דורכגעמאַכטע וועגן,
און די פינגער־נעגל
וואָס נעמען די טרויער־רעמלעך
ניט אַראָפּ.
דו זעסט, דער וואָלקן — קאָלנערם
אויפגעהויבענע — וואָס האָט געטשאַטעוועט בײַם טיר,
איז מער ניטאָ.
קום, אפשר וועלן מיר נאָך אַרײַנכאַפּן
אויף דער פיפט־עוועניו
אַ שעה
פענצטער ליכטיקע.

1970

אַ זונטיק אין דער פּרי

ווי אַן עדה זקנים, רייכערן אוים גע׳שמאַק
די ביימער רעשטלעך אייגענעם טאַבאַק.
אין אויפקומענדיקן ברוין־גאָלדענעם טומאַן
די טורעמשטאָט הויערט אַ קעמל־קאַראַוואַן.

פון איר אין נידער אויפן ווײַסן אײַנגעפּריר
ווײַבער ברוסטיקע צונויפגעקליבן פון שפּאַציר —
קאַטשקעס יום־טובדיק צעפּעדערט רונד אַרום
מיט אויסגעשטעקטע נעזער קעגן זון.

פאַרכאַפּטע אין די קראַטעס פונעם פּלויט —
אַ פּישערנעץ לעם ברעג אין שטראַלן בלויט —
צוויי סילועטן, ער און זי,
באַוווּנדערן אין ווינטערפּאַרק דעם זונטיק־אינדערפּרי.

ניו־יאָרק, 1969

באַנען ניט דערגייען

מיט שנעלצוג-שעהען בין איך אָנגעקומען
פון רוימען אָפּגעבלומטע, אָקערשט אָפּגעזונטע,
דאָ שטייַג איך אויס אין דעמער פון אַלייען,
אַ סטאַנציע אַ פאַרוויטע,
ווּו באַנען ניט דערגייען.

אַ געוואַנט רינט אויס מיט רויטע פאַרבן,
דער מערב-אַקוואַרעל געטראָפן פונעם רעגן,
ווי פייגל פליִען בלעטער שטאַרבן,
צינדן אָן די וועגן.

צונויפגעזאַמלט אין אַ תּפילה נאָנעם שווייַגן,
נאָטן ניט-פאַרשריבענע די צווייַגן.

ברוקלין, 1969

גרינגער?

ווּ, ווּ זאָל איך זיך ווענדן,
ס׳ליגט געשענדט פֿאַר מיר מײַן שלאָף,
שטיי איך פּנים־אל־פּנים מיט דער נאַכט
און טראַכט, ווּ זאָל איך זיך ווענדן?

לײַכטער ווערט אין באַרג־אַראָפּ און גרינגער דאָס פֿאַלן,
און ווען פֿאַלן וואָלט איך אין אַ גרינעם טאָל,
דער גראָז דער טיפֿער זאָל מיך צודעקן,
שלעפֿערן און אויפֿוועקן, וואָלט איך נאָך געגאַנגען.

שטיי איך פּנים־אל־פּנים מיט דער נאַכט.

1958

האַרבסט

דאָ, אין די ראָזע בערג,
ווו יעדער פּיצל ערד איז אויסגערעכנט-
און יעדער בוים פאַררעכנט אַ פאַרמעגן,
זינט האָסט באַהאַלטן אין טאָל דייַן פּנים
האָב איך פאַרפלאַנצט אַ שפע בלומענטעפּ —
זיי מאָנען וואַסער, תּמיד וואַסער!

און וועלן זיי אויפבלומען?
דאָס קאָן איך וויסן שפּעטער,
נאָכן ווינטער,
ווען ס'איז גאַנץ דער חשבון
פון ווינט און רעגן.

דערווייַל איז האַרבסט,
גאָר אַנדערש ווי אין צפון —
דאָ קומט ער מילד,
אַ קראַנקן-שוועסטער,
פאַרטיילן זונענשפּריצן פאַרן שלאָף.

1970

וואָס טוט מען מיט די אויגן

באַשולדיקן איז פון די לײַכטסטע וועגן,
פריִער בין איך געגאַנגען מיט שווערע וועגן.
שפּעטער האָב איך באַשולדיקט,
איצט קאָן איך ניט גיין
ווײַטער.

ווײַטער איז געלאָפן אַ באַן,
איצט איז נאָענט די לבנה,
נאָר צווישן איר און מיר
עראָפּלאַנען וואַרפן נאָך אַלץ אַן
שרעק.

שרעק איז אַ מענטשלעכע מידה,
וויינען הויך איז אַ בושה,
וואָס טוט מען מיט די אויגן
וואָס גייען אַוועק?

1970

אינהאַלט

5 יעקב גלאַטשטיין — די דיכטערין אַסיאַ

אַ צאָפּ נאָכן שניט

13 אויף די קנאַפּל פון די שיך
14 דער נעכטן
15 געבונדן
16 אין דײַן סוד
17 איז שוין צײַט
18 אַ שעה אין דײַן וועג
19 מײַן זאַנגיקייט
20 מאַמע
21 יאָר 1942
22 מײַן מיידעלע
23 מײַן באָבע
24 קדיש
25 מײַן ברודער
26 אַ מאָמענט פון פּחד
27 צווישן נאַכטיקע ווענט
29 פאַרטרונקען
30 איידער נאַכט
31 צו אַ סאַברע
32 גל־עד
33 ווי קינדער
34 בײַם לייענען רחל פישמאַנס לידער
35 נאַכט
36 דער אָוונטיקער ים
37 ביז איך וועל געפינען
38 אין חלום
39 דראָטן
40 אַרויסקוקן

ערד און פליגל

43 דאָרשט
44 אין פעלד בײַ רמלה
45 רעגן
46 גרוי
47 פֿאַרהאַלט זיך אַ רגע
48 פֿאַרזאָגט
49 אַ טרייסט
50 כל־זמן
51 אין חלום מיט אַ חלום
52 אַ ברונעם?
53 זי
54 די פרוי און די קאַץ
56 מורא
57 מײַן אמתער זכרון
58 משוגעת
59 זעונג

פון שטילן ניט־ווערן

63 אין זון
64 שטראַלן
65 איבעררוף
66 מלכת הלילה
67 אַ נימפע
68 צו איינער אַ נאָענטער
69 אַ תפילה
70 דער אַלטער מאַטראָס
71 אין אייגענעם וואַלד
72 צעלאַן
73 בילד
74 באַפרײַט

75 כ׳וועל ווידער צו דיר קומען
76 דער הירש
77 אַ סך אויגן האָבן דײַן שוואַנענהאַלדז געקושט
78 אָדלער
79 רויט אויף ווײַס
80 די נאַכט איז אין גאַנצן מײַנע

ווי קען עס זײַן איך

83 אַ געזאַנג
84 אין אַ פעלד פון גאָלד
85 געזאַנג פון היץ
86 אַ הײַזקע
87 אהובי
88 אויב איינער פון אונדז
89 ווו ס׳איז דאָס וואַסער שטיל

די אויגן

93 אין דײַנע בריוו צו מיר
94 אַ מיזמור
96 אַן אדר־נאַכט
97 אַ נאַכט אין עמק
98 עין־גדי
99 ברוקלין
100 סאָבוויי
101 די 42סטע קאַפעטעריע
102 אַ זונטיק אין דער פרי
103 באַנען ניט דערגייען
104 גרינגער ?
105 האַרבסט
106 וואָס טוט מען מיט די אויגן